א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת תולדות

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### יצחק האט געדאווענט 'בעושר'

"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה'" (כה כא)

אין מדרש (ב"ר סג ה) ווערט אראפ געברענגט די ווערטער פון רבי יוחנן וואס דרש'נט דעם לשון 'ויעתר': "ששפך תפילות בעושר" ('עתיר' איז 'עשיר' אויף ארמי"ש, זעה אין תרגום אונקלוס אויף פסוק יד כג). לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז די תועלת צו דאווענען אסאך, מיר האבן דאך געלערנט (ברכות ה ב): "אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון ליבו לשמים"?

נאר ערקלערט **רבי אליהו פון וויסקיט**, פון די תלמידים פונעם קאצקער רבי'ן, אין זיין ספר 'אזור אליהו': רבי יוחנן האט געמיינט צו זאגן, אז די אלע תפילות פון יצחק אבינו איז געווען מיט א געפיהל אז ער איז א עושר און עס פעהלט אים נישט גארנישט, כדי ס'זאל חלילה נישט אויסזעהן אז ער רעדט זיך אפ אויף דעם וואס ער האט נישט זוכה געווען צו קינדער.

אויף נאך א אופן ווערט עס ערקלערט אין ספר **'נחלת יעקב יהושע'**:

יצחק האט געדאווענט 'לנוכח אשתו', ד.מ. צוליב זיין פרוי און איר כבוד, און ווייל די חכמים זאגן (בבא מציעא נט א): "לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו שאין הברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו", דעריבער זאגט רבי יוחנן אז יצחק האט געדאווענט 'בעושר', ד.מ. אז ער איז רייך געווארן אין זכות פון זיינע תפילות.

### יצחק און רבקה האבן נישט געוואוסט צו וועלעכע זייט זאלן זיי דאווענען

"לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ" (שם)

"לנכח אשתו - זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת" (רש"י)

פארוואס האבן יצחק און רבקה געדארפט שטיין אין צוויי אנדערע ווינקלעך?

אין דעם פריערדיגן ספר **'מים חיים'** (דיהרנפורט ה'ת"נ) ערקלערט עס דער גאון **רבי חיים הלוי הורוויץ** אין נאמען פון זיין זיידע רבי פנחס זצ"ל:

אין מסכת בבא בתרא (כה א) זאגן חז"ל אז מיר דארפן דאנקען פאר אונזערע עלטערן אויף דעם וואס זיי האבן אונז צו וויסן געטוהן אויף וועלעכע זייט פון די פיר זייטן דארפן מיר זיך אויסדרייען ביים דאווענען - צו די מזרח זייט. לויט דעם קען מען ערקלערן: יצחק און רבקה וואס האבן נאכנישט געוואוסט צו וועלעכע זייט דארף מען זיך ווענדן ביים דאווענען, האבן באשלאסן צו שטיין ביי די צוויי ווינקלעך פון די הויז, ער ביי די ווינקל מזרחית דרומית, און זי ביי די ווינקל מערבית צפונית, אזוי האבן זיי געוואוסט אז זיי האבן זיכער געדאווענט אויף די גוטע זייט וואו די תפילה דארף אנגענומען ווערן.

### די תפילה 'יקום פורקן'

"כִּי עֲקָרָה הִוא" (כה כא)

"רבי יצחק האט געזאגט: פארוואס זענען די אבות געווען קינדערלאז? ווייל דער אויבישטער גלוסט צו די תפלה פון די צדיקים" (יבמות סד א)

דער **'תפארת שלמה'** פון ראדאמסק ערקלערט עס בדרך צחות:

בדרך הטבע די פלאג מיטן אויפוואקסן די קינדער קען שטערן דעם מענטש פון צו דינען דעם אויבערשטן, דעריבער, ווייל דער אויבישטער איז 'מתאווה לתפילתם של צדיקים' און ער וויל אז זיי זאלן דאווענען מיט א ישוב הדעת און אן קיין צער, האט ער זיי נישט געשאנקען קיין קינדער.

לייגט צו דער 'תפארת שלמה': צוליב דעם בעהטן מיר ביי 'יקום פורקן': "זרעא חיא וקיימא, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא" - אז מיר זאלן זוכה זיין אז אונזערע קינדער זאלן זיין געזונט און שטארק און עס זאל זיי גארנישט געשעהן, און אזוי וועלן מיר נישט דארפן געשטערט ווערן פון תורה און תפילה צוליב זיי.

### די תפילה פון יצחק האט אראפ גענומען פון די יארן פון זיין פאטער

"וַיֵּעָתֶר לוֹ ה'" (שם)

"ויעתר לו - נתפצר ונתפייס ונתפתה לו" (רש"י)

פארוואס האט יצחק געדארפט אזוי שטארק מוטשען און דאווענען אויף דעם?

האט איינער פון די מגידים ערקלערט: חז"ל זאגן (ב"ר סג יב) אז דער אויבישטער האט אראפ גענומען פינף יאר פונעם לעבן פון אברהם אבינו, כדי ער זאל נישט זעהן וויאזוי זיין אייניקל עשו פירט זיך אויף אזוי שלעכט.

לויט דעם קומט אויס אז אויב די צייט פון די געבורט פון יעקב און עשו וואלט געווען פינף יאר שפעטער, וואלט דער אויבישטער נישט געדארפט אראפ נעמען פון די יארן פון אברהם. לויט דעם איז פארשטענדליך פארוואס האט יצחק געדארפט אזוי שטארק בעהטן ביז דער אויבישטער האט עס אנגענומען.

> **אמן ברענגט אראפ שפע אויף דער וועלט**
>
> "וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ... יַעַבְדוּךָ עַמִּים" (כז כח-כט)
>
> די ראשי תיבות 'לך האלוקים מטל השמים ומשמני הארץ' זענען גימטריה 'אמן', ווייל אין זכות פון ענטפערן אמן קומט אראפ א שפע פארן מענטש און זיינע פיינט האבן א מפלה, אזוי ווי עס שטייט דא דערנעבן "יעבדוך עמים".
>
> 'ככר זהב' מערכת ב'

ווען מ'האט איבערגעזאגט די ווערטער פאר דעם גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, האט ער צוגעשטימט צו דעם, און האט באלד אויפן פלאץ צוגעלייגט אז רמז אויף דעם פון דער לשון פון דעם פסוק, די ווערטער 'ויעתר לו ה'' זענען בגימטריה: 'חמש שנים'.

'כרם חמד'

### א תפילה פון א צדיק בן צדיק

פארוואס האט דער אויבישטער אנגענומען די תפילה פון יצחק, אזוי ווי עס שטייט: "וַיֵּעָתֶר לוֹ ה'", ערקלערט רש"י: "'לו' ולא 'לה' - ווייל עס איז נישט דומה די תפילה פון א צדיק בן צדיק צו א תפילה פון א צדיק בן רשע".

האט ערקלערט דער ראש ישיבה פון 'אופקים' **רבי חיים קמיל** זצ"ל: די סיבה פארוואס איז די כח פון א תפילת צדיק בן צדיק גרעסער פון א צדיק בן רשע, איז נישט נאר אלץ די זכות אבות וואס ער האט, נאך אויך זיין אייגענע זכות; ווייל עס איז נישט קיין פארגלייך דער וואס האט אויסגעוועלט די ערליכע וועג ווייל ער האט איינערקענט דעם שלעכטן וועג וואס זיין טאטע איז אין דעם געגאנגען, און אלץ דעם האט ער פארשטאנען אז ער דארף אפלאזן דעם וועג און זיך אויפפירן ערליך, צו איינעם וואס האט געקענט זיצן רוהיג און זיך פארלאזן אויף די מדריגות פון זיין פאטער, און אויב האט ער זיך יא געפלאגט ביז ער איז אנגעקומען צו די מדריגה פון זיין פאטער, קומט אים דאס גרעסטע כבוד.

קובץ 'בשדה ובכרם' עמ' פח

### פון וואס האט רבי ירוחם געציטערט

"אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי וְהָיִיתִי בְעֵינָיו כִּמְתַעְתֵּעַ" (כז יב)

דער משגיח **רבי ירוחם הלוי** פון מיר פלעגט מאריך זיין ראש השנה ביים דאווענען מוסף לאנגע שעות. איינמאל האט זיך איינער פון די ישיבה-לייט באהאלטן נאנט צו זיין פלאץ ווען ער איז נייגעריג צו זעהן וואס דער משגיח וועט טוהן ביים ענדיגן דאווענען.

א לאנגע צייט איז אריבער ביז ווען דער משגיח האט געענדיגט זיין דאווענען, און דעמאלטס איז דער תלמיד איבערראשט געווארן צו זעהן וויאזוי זיין רבי זעצט זיך אראפ אינגאנצן אפגעשוואכט און מיט א צובראכן הארץ ווען זיין מויל הערט נישט אויף צו מורמלען דעם פסוק: "אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי וְהָיִיתִי בְעֵינָיו כִּמְתַעְתֵּעַ". כאטש זיין הויכע מדריגה אין רוחניות האט דער משגיח נישט אויפגעהערט צו טראכטן אפשר האט זיך אריינגעמישט א קליין ברעקל פון פאפן ביים דאווענען. ויהי לפלא.

'קדושת היום' ר"ה עמ' תצה

### די צווישנשייד פון צדקה צו תפילה

"הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" (כז כג)

דער צדיק **רבי יעקב יוסף פון פולנאה** דער בעל 'תולדות יעקב יוסף' האט שיין אויסגעטייטש דעם פסוק.

'הקול קול יעקב' - דער וואס איז עוסק אין תפילה ('קול') דארף דאס טוהן לשם שמים אין א בחינה פון 'קול יעקב', אבער דער וואס גיט צדקה ('הידים'), אויך אויב ער טוהט עס שלא לשמה אין א בחינה פון 'ידי עשיו' זענען זיינע מעשים לרצון פאר השי"ת.

'חסידים מספרים' ח"ג עמ' 178

### די ברכה פונעם גאסט נאר נאכן עסן

"וַיַּגֶּשׁ לוֹ וַיֹּאכַל וַיָּבֵא לוֹ יַיִן וַיֵּשְׁתְּ... וַיְבָרֲכֵהוּ" (כז כה- כז)

פון דער פסוק האט רבינו אביגדור צרפתי, פון די בעלי התוספות, ארויסגעלערנט א מקור אויף די תקנה פון חז"ל (ברכות מו א) אז דער גאסט זאל בענטשן דעם בעל הבית נאר נאכן עסן, ביי ברכת המזון. ווייל אויך ביי יצחק אבינו זעהן מיר אז ער האט געבענטשט זיין זוהן נאר נאך וואס ער האט געענדיגט צו עסן זיין סעודה.

פירושים ופסקים לר"א צרפתי



## א ספעציעלע סגולה אויף שמירה פון דער הייליגער מהרש"א זי"ע

(נלב"ע ה' כסליו שצ"ב)

**"לוּא הִקְשַׁבְתָּ לְמִצְוֹתָי וַיְהִי כַנָּהָר שְׁלוֹמֶךָ וְצִדְקָתְךָ כְּגַלֵּי הַיָּם..."**

(ישעיהו מח יח)

**"'לְמִצְוֹתָי' איז פון די לשון צוותא וואס ד.מ. זיך באהעפטן, לויט דעם איז די טייטש פון פסוק אזוי: "לוּ הִקְשַׁבְתָּ" - אז דו האסט צוגעוואוירט און צוגעהערט כדי צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה וואס דו הערסט פון דיין חבר אין שוהל, וועט זיין דיין שכר, אז דיין לעבן וועט פלוסן ווי א טייך פון רוהיגע וואסערן..."**

(די לשון פונעם מהרש"א ח"א ברכות ו א)

**אין די טעג דארפן מיר א ספעציעלע 'שמירה', לאמיר זיך מקבל זיין צו זאגן די ברכות השחר בחברותא אין שוהל, און דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו די ברכה פון "ויהי כנהר שלומך וצדקתך כגלי הים". אמן.**

# תענה אמונים

א בליק לויטן סדר פון דאווענען

## אשר יצר - פארזעצונג

### א סגולה צו רפואה

ווי א השלמה צו דעם פריערדיגן ארטיקל, וועלן מיר אין דעם ארטיקל זיך באציעהן אויף די ספעציעלקייט פון די ברכה 'אשר יצר' און אויף איר באקאנטע סגולה אויף רפואות און ישועות.

מיר וועלן אנהייבן מיטן באטאנען אז די ברכה 'אשר יצר' איז א ברכה וואס האט א דירעקטע פארבינדונג מיט אלע חלקים פון דער קערפער, אזוי ווי די חכמים האבן גע'דרש'נט (תנחומא שמיני ח) בדרך רמז, אז די ווערטער 'חלולים חלולים' זענען בגימטריה רמ"ח אזוי ווי די צאל רמ"ח גלידער וואס דער מענטש פארמאגט.

צוליב איר חשיבות איז נישט קיין וואונדער אז די גדולי ישראל האבן געגעבן גאר א גרויסן חשיבות אויף איר אופן פון עס זאגן - אינעווייניג, גוט אינזין האבן און הייליגע געפיהלן, און עטליכע האבן געזאגט אז אין דעם ליגט גאר באהאלטן א סגולה אויף רפואה.

אזוי דערציילט מען אויף מרן החפץ חיים אז ער האט שטענדיג אכטונג געגעבן עס צו זאגן אינעווייניג, ווען מיט זיין פינגער גייט ער נאך יעדע ווארט ('מאין יבוא עזרנו' עמ' 17).

אויף הרה"ק דער דברי יחזקאל פון שינאווא זצ"ל ווערט דערציילט אז זיינע חסידים וואס פלעגן צוקומען צו פארן צו אים פונדערווייטנ'ס, ווען זיי האבן געזעהן וויאזוי ער זאגט די ברכה 'אשר יצר' מיט א געוואלדיגע כוונה, ווארט ביי ווארט, האבן זיי זיך אונטערגעזאגט שטילערהייט: 'מיר קענען שוין אהיים פארן, נאר פון קוקן אויפן צדיק וויאזוי ער זאגט די ברכה האבן מיר זיך שוין אנגעזאפט מיט גענוג קדושה אויף א גאנץ יאר'. אין יענע צייטן איז געווען באקאנט אז ווער עס באטראכט וויאזוי דער שינאווער רב זאגט די ברכה האט געשפירט אז ערשט יעצט האט ער פארשטאנען די אמת'דיגע טייטש פון די ברכה. אזוי אויך אסאך וואס האבן געדארפט א ישועה אדער א רפואה פלעגן צו קומען פונדערווייטנ'ס כדי צו הערן וויאזוי דער צדיק זאגט די ברכה 'אשר יצר' און ענטפערן דערויף 'אמן' אלץ א סגולה צו געהאלפן ווערן ('יסוד יוסף' - 'טהרת יום טוב' סי' פח).

ווען מ'האט מזכיר געווען פאר הרה"ק רבי מאיר'ל פון פרימישלאן א קראנקן וואס האט געדאפט געהאלפן מיט א ישועה, האט ער געראטן מ'זאל מקפיד זיין צו זאגן אשר יצר מיט א געוואלדיגע כוונה, זאגנדיג אז דאס איז א סגולה בדוקה ומנוסה אויף א ישועה (שם).

אויך דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל איז געווען געוואוינט צו זאגן אז די ברכה אויב מ'זאגט עס מיט כוונה, איז עס א גרויסע סגולה אויף רפואת הגוף ('תפילת חנה' עמ' סו).

דער באקאנטער מגיד רבי שמשון פינקוס זצ"ל פלעגט אסאך מעורר זיין ביי זיינע שמועסן איבער די מעלה פון די ברכה און אויף דעם גרויסן חיוב עס צוזאגן מיט כוונה. ווען איינער האט אים נאכגעזאגט די ווערטער פון די גדולי ישראל אז אין דעם איז פארהאן א סגולה אויף רפואות, האט הרב פינקוס באלד רעאגירט: וואס? א 'סגולה? ווען דו עפנ'סט די קראן און עס קומט ארויס וואסער וועסטו עס אויך אנרופן א 'סגולה'? עס איז דאך א קלארע און איינפאכע זאך אז ווען א מענטש זאגט די ברכה 'אשר יצר' ווי עס דארף צו זיין, עפנט ער אין הימל די צינורות פון רפואה און ער ברענגט אראפ רפואות און ישועות אויף דער וועלט!

האט צוגעלייגט הרב פינקוס: 'עס איז פשוט און קלאר פאר יעדן בר דעת אז אויב מיר וואלטן געזאגט די ברכה ווי עס דארף צו זיין, וואלטן מיר נישט קראנק געווארן, נאר ווייל מיר געבן נישט אכטונג צו לויבן און דאנקען מיט כוונה און מיט א ערנסקייט, צוליב דעם זעהן מיר געוויסע קראנקהייטן אין אונזער געגנט' ('תפארת שמשון' בראשית; בשלח).

### א וואונדערליכע ישועה אויפן באהן

עס איז פאר אלעמען באקאנט די געשיכטע וואס האט פאסירט מיט דעם משגיח דער צדיק רבי אליהו לופיאן, ווען ער איז איינמאל געפארן אויפן באהן און ער האט געדארפט זאגן די ברכה 'אשר יצר', האט ער געבעהטן פון די וואס זענען געזיצן אין זיין וואגאן, צווישן זיי אויך נישט קיין שומרי תורה ומצוות, אז זיי זאלן ענטפערן אמן נאך זיין ברכה, ווען ער ערקלערט זיי דעם גרויסן כח פון די ברכה אויף ישועות און ווערן גערעטעוועט פון שווערע געשעהענישן.

אלץ זיין כבוד און זיין הדרת פנים, האבן אסאך פון די מיטרייזנדע אנגענומען זיין געבעהט. מיט הייליגע ציטער האבן זיי צוגעהערט צו די ברכה וואס איז געזאגט געווארן דורך אים מיט גרויס כוונה און מיט א שטארקע קאנצענטרירונג, און אין איר ענדע האבן זיי צוזאמען געענטפערט 'אמן' מיט געפיהל און מיט התעוררות.

די גרויסע איבערראשונג האט זיי אפגעווארט עטליכע מינוטן נאכדעם, ווען די באהן האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט עטליכע סענטימעטער'ס בעפאר עס איז ארויף געפארן אויף א גרויסע באמבע ווי די נידריגע אראבער האבן אראפגעלייגט מיט א ציל צו צוברענגען צו צעהנדליגע און הונדערטער געשעדיגטע מיטרייזנדע. די באמבע האט מען אזוי קונצליך אונטערגעלייגט אז מ'זאל עס נישט קענען באמערקן, און עס איז געווען ממש א נס אז דער קאנדאקטאר האט עס מצליח געווען צו באמערקן און זיך אפשטעלן אין די לעצטע סקונדע, אזוי זענען די רייזנדע אויפן באהן גערעטעוועט געווארן פון א שרעקליכן אומגליק אין די זכות פון די ברכה 'אשר יצר' ('לב אליהו - חכמה ומוסר' בהקדמה).

### די בעסטע ברכה

א וואונדערליכע עדות אויף מרן החזון איש ווערט געברענגט אין ספר 'מעשה איש' (ח"ג עמ' קנו; רכה): דער חזון איש האט ספעציעל מקפיד געווען אויף די ברכה 'אשר יצר' עס צו זאגן מיט גרויס כוונה, שטאט און מיט ישוב הדעת. ער האט אויך אכטונג געגעבן אנצוטוהן זיין אויבער-רעקל און פארמאכן דעם גארטל לכבוד די ברכה.

אין איין אינדערפריה, ווען דער חזון איש האט געהאלטן אינמיטן די ברכה 'אשר יצר', זיין פנים איז געווען אויסגעדרייט צו די וואנט און זיין מויל זאגט ארויס די ווערטער פון די ברכה לויט זיין שטייגער ווי איינער וואס ציילט געלט. פלוצלינג איז אריין אין זיין צימער א דערשראקענער יונגערמאן און האט אנגעהויבן צו פארפירן אז זיין קליין פיצל טאכטער איז שרעקליך קראנק געווארן. דאס איז געווען אין די תקופה וואס האט אויסגעבראכן די קראנקהייט פון 'פאליו' מיט איר פולן שטארקהייט, די ציטער פון דעם האט אנגעפיהלט יעדנ'ס הארץ, און ווען די טאכטער פון דעם יונגערמאן האט פלוצינג באקומען הויעך פיבער צוזאמען מיט שטארקע צייכנ'ס וואס איז געווען כמעט א קלארע באווייז אז זי האט זיך אנגעשטעקט פון די קראנקהייט האט ער זיך געאיילט צובעהטן א ברכה פונעם חזון איש.

עס האט אויסגעזעהן אז דער חזון איש האט נישט באמערקט וואס עס טוהט זיך אפ ארום אים, נאר נאנט צום אויספיר פון די ברכה זענען די ארומיגע איבערראשט געווארן צוזעהן ווי ער בליק'ט צו דעם דערשראקענעם יונגערמאן און ענדיגט: 'ברוך אתה... רופא כל בשר ומפליא לעשות'. דער יונגערמאן האט שנעל געענטפערט 'אמן' מיט א געשריי, און נאך בעפאר ער האט געעפנט זיין מויל האט דער חזון איש זיך אנגערופן צו אים: 'האסט דאך שוין געהערט די ברכה...'. דער יונגערמאן האט פארשטאנען און איז אהיים צו זיך אין שטוב פרייליכערהייט. עס איז נישט געווען קיין וואונדער אז אנקומענדיג אהיים האט מען אים דערציילט אז זיין טאכטער איז מיטן אויבערשטנ'ס הילף געזונט געווארן.

### די ברכה 'אשר יצר' פון די אנדערע זייט פון דער ליין

נאך ווערט דערציילט אויף הרה"ק רבי איציק'ל ז"ל פון פשעווארסק: ווען ער איז געווען אויף אפרוה, איז אים פלוצלינג אנגעקומען די ידיעה אז זיין אייניקל איז זייער שווער קראנק געווארן און איז אנגעוויזן אויף גרויסע רחמים. רבי איציק'ל וואס איז געווען באקאנט איבעראל אלץ א פועל ישועות האט בארוהיגט די ארומיגע אז די ישועה וועט שוין אנקומען.

עטליכע מינוט נאכדעם האט ער געבעטן פון איינער פון זיינע נאנטע ער זאל קלינגען אין שפיטאל ווי דארט איז געווען די קראנקע, פון די אנדערע זייט האט איינער פון די משפחה אויפגעהויבן, רבי איציק'ל האט פון אים געבעהטן אז ער זאל דערנענטערן דעם טעלעפאון צו די אויער פון די קראנקע, און האט באלד ארנגעהויבן צו זאגן די ברכה פון 'אשר יצר' מיט א ברען ווען ביים ענדע האט מען פון די אנדערע זייט געהערט א שוואכע און א שטילע 'אמן'.

אזוי אויך אין לויף פון די קומענדיגע טעג ביז ווען זי איז געזונט געווארן מיטן אויבערשטנ'ס הילף, ווען רבי איציק'ל האט געדארפט זאגן 'אשר יצר', האט ער זיך פריער פארבינדן צום שפיטאל כדי עס צוזאגן אין די אויערן פון די קראנקע און איר מזכה זיין מיט ענטפערן אמן נאכדעם. די בני המשפחה זענען נישט איבערראשט געווארן אז ווען אנדערשט פון וואס די דאקטורים האבן געזאגט איז זי נאך עטליכע טעג געזונט געווארן און איז אהיים געזונט און שטארק ('נפלאים מעשיך', ח"ב עמ' תכז).

### טייערע ברודער!

מיר אלע נויטיגן זיך אין א ישועה, יעדן טאג הערן מיר אויך אויף נאך און נאך וואס זענען אריין אין די רינג פון די חולי ישראל, לאמיר זיך מקבל זיין אויף אונז מער מקפיד זיין אויף די ברכה, לויבן און דאנקען דעם באשעפער, מיט א שטארקע כוונה און אינעווייניג, ויהי רצון אז מיט דעם זאלן מיר זוכה זיין אז אלע שלעכטע גזירות זאלן בטל ווערן, און ווי אין גיכן זאלן מיר צוריק גיין קיין ירושלים געזונט און שטארק בגוף און בנפש.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א פלוצליגדיגע שטורעם וואס האט ערפילט די וואונטש

די ערציילונג וואס מיר האבן דא האט דערציילט דער צאנזער רבי זי"ע דער בעל 'שפע חיים', אין איינס פון זיינע סאך שמועסן וואס ער האט גע'דרש'נט פאר זיין עולם איבער דעם גרויסן כח פון א אמת'דיגע תפילה וואס קומט ארויס פון טיפן הארץ, אז ס'זאל ברענגען א גרויסע ישועה אויף אלע וואס עס פעהלט אויס.

אין די שטאט קראקא האבן די אידן זיך אנגעהויבן צו באזעצן פאר ארום ניין הונדערט יאר, און פון דעמאלטס האט זיך עס קיינמאל נישט אפגעשטעלט. שוין פון לאנג איז די קהילה געווען פון די חשובע שיינע קהילות אין איירופא, אויף איר רבנות שטוהל זענען געזיצן די גדולי עולם ווי דער רמ"א און נאך און פון אירע איינוואוינער זענען געווען די וואס האבן אויפגעשטעלט דאס אידישקייט אין גאנץ פוילן.

צוויי גרויסע בתי חיים זענען געווען אין קראקא, דער ערשטער איז געווען 'דער אלטער בית החיים' וואס אין איר ערד זענען באערדיגט געווארן נישט ווייניג פון די גדולי ישראל, קדושי עליון וואס האבן געוואוינט אין קראקא אין די ערשטע הונדערטער יארן פון ווען עס האט זיך באזעצט. אויסער דעם איז געווען אין קראקא 'דער נייער בית החיים', דארט זענען אויך באהאלטן געווארן קדושי עליון, נאר צוליב וואס דאס איז באנייט געווארן אין די שפעטערע יארן, איז אין די אויגן פון די מענטשן איז די מדריגה פון איר קדושה געווען ווייניגער וואו די מדרגה פונעם אלטן בית החיים.

כאטש וואס יארן לאנג האט מען שוין נישט געקענט נוצן דעם אלטן בית החיים אלץ א פלאץ צו באערדיגן די טויטע פון די שטאט קראקא, ווייל עס איז שוין געווען זייער שטארק פול און צוזאם געשטופט מיט גאר אלטע מצבות, פון דעסוועגן איז דאס געווען דאס גלוסטעניש פון יעדן איינעם פון די חשובע מענטשן אין קראקא, אלע האבן גע'חלומ'ט זוכה זיין צו באערדיגט ווערן - ווען עס קומט אן די צייט - נעבן די קדושים וואס זענען דארטן באערדיגט, אבער זייער ווייניג האבן צו דעם זוכה געווען.

אויף די ביסל ליידיגע פלעצער וואס זענען דארט נאך איבערגעבליבן, האבן זיך די גרויסע נגידים געשלאגן ווען זיי ווילן קויפן דארט א 'חלקה' וואו דארט וועט ער רועהן בשלום נאך די הונדערט און צוואנציג. די 'חברא קדישא' האבן פון זייער זייט געוואלט פארקויפן אזעלעכע חלקות נאר פאר א גוטן פרייז, מער ווי צעהן מאל דאפלט פון דעם פרייז אין דעם נייעם בית החיים.

אויב אזוי, איז געווען קיין וואונדער אז ווען רעכל די אלטישקע האט געזאגט איר ווילן פאר אירע שכנים און נאנטע אז זי וויל זייער שטארק באערדיגט ווערן אין דעם אלטן בית החיים נאך איר הונדערט און צוואנציג, האבן אלע געשאקלט די קאפ מיט רחמנות. רעכל די אלטע איז געווען באקאנט פאר אלע איינוואוינער אין קראקא אלץ 'רעכל די בעלת חסד', און נישט אומזינסט. זי טאקע געווען פאסיג אויף דעם מכובד'יגן טיטול, ווייל שוין פון איר יוגנט איז זי געווען געוואוינט אוועק צו געבן אירע ליידיגע צייטן אויף צו טוהן גמילות חסד מיט אלע אירע ארומיגע.

כאטש וואס זי איז געווארן א אלמנה אין אירע יונגע יארן און זי האט ערצויגן אירע פיר קינדער מיט מסירות נפש, זייענדיג ארים נישט האבנדיג גארנישט, דאך האט זי שטענדיג געהאט פלאץ ביי איר אין הארץ פאר די עלנדע פרויען וואס האבן געטראפן ביי איר ארימע הייזקע א בארוהיג'נס פלאץ פאר זייערע צוקלאפטע זעהל.

יעדן ערב שבת איז זי געווען געוואוינט ארום צו גיין צווישן די הייזער פון די רייכע אידן וואס האבן איר געגעבן פון די גוטע שבת'דיגע עסנווארג וואס זיי האבן פארמאגט, כדי אז זי זאל עס איבערגעבן פאר די ארימעליט און נויט-באדערפטיגע וואס זענען נעבעך געווען אסאך אין די שטאט קראקא.

אויב אזוי איז נישט קיין וואונדער אז רעכל האט זוכה געווען צו א גרויסע שעצונג צווישן די איינוואוינער פון קראקא, וואס דאס האט זיי צוגעברענגט זיי זאלן אויפהייבן זייערע ברעמען הערנדיג איר מאדנע געבעהט: זי זאל זוכה זיין נאך אירע הונדערט און צוואנציג באערדיגט ווערן אין דעם אלטן בית החיים.

אזוי שטארק איז עס געווען איר וואונטש, אז אויך ווען זי האט געמאכט שמחות ביי איר אין שטוב, ווען זי האט חתונה געמאכט אירע אייניקלעך, ווען אירע באקאנטע זענען איר געקומען וואונטשן 'מזל טוב', האט זי פון זיי געבעהטן אז זיי זאלן צולייגן צו די ברכה אז זי זאל אויך זוכה זיין באערדיגט צו ווערן אין דעם אלטן בית החיים. זיי, כאטש דעם טרייסל וואס האט זיי ארום גענומען, האבן צוגעשטימט צו איר וואונטש אזוי ווי איר ווילן איז געווען, און זי פון איר זייט האט מקפיד געווען צו ענטפערן 'אמן' הויעך און מיט כוונה.

זייער שנעל איז דאס געווארן די נייעס - געשפרעך אין קראקא; וואס האט 'רעכל די בעלת חסד' איינגעזעהן צובעהטן צו ווערן באערדיגט אין דעם אלטן בית החיים, איז זי אפשר אראפ פון זינען רחמנא ליצלן?! אבער נאך א שטיק צייט האבן זיך אלע צו דעם צוגעוואוינט, און נאך בעפאר זי האט דאס געבעהטן האבן איר אלע ווארעם אנגעוואונטשן: 'דו זאלסט זוכה זיין באערדיגט צו ווערן אין דעם אלטן בית החיים', און ווי פארשטענדליך האט זי געענטפערט נאך זיי אמן.

די נאנטע מיטגלידער וואס זענען געפרעגט געווארן אויף דעם, האבן נישט געוואוסט צו ענטפערן, נאר דאס האבן זיי געוואוסט צו זאגן, אז אויסער די קאפיטלעך תהלים וואס זי איז געווען געוואוינט צו זאגן שוין צענדליגער יארן טאג טעגליך, האט זי צוגעלייגט עטליכע קאפיטלעך אלץ א תפילה אויף איר וואונטש זוכה צו זיין באערדיגט צו ווערן אויפן אלטן בית החיים.

פאר די יונגוואר פון קראקא איז עס געווארן ממש א אטרעקשן, יעדעס מאל ווען די אלטע רעכל איז אריבער אין גאס, זענען די קליינע איר נאכגעלאפן און געשריגן צו איר ריכטונג: 'מומע, איר זאלט ליגן אין דעם אלטן בית החיים!', און זי, נישט נאר אז זי איז נישט באליידיגט געווארן פון דעם, נאר זי האט מיט א פריינדליך פנים אויך צוריק געענטפערט פאר יעדן איינעם מיט א תמימות: 'אמן כן יהי רצון, דער אויבישטער זאל העלפן אז איך זאל טאקע זוכה זיין צו דעם!'

אזוי זענען אדורך עטליכע יאר וואס די אלטישקע האט נישט אויפגעגעבן איין טאג אויך נישט פון צו דאווענען אויף דעם, און אט איז אנגעקומען דער טאג. אין א העלן טאג האט רעכל געמאלדן פאר איר הויזגעזונד אז זי פילט זיך נישט אזוי גוט, און נאך געציילטע שעות האט זי צוריק געגעבן איר ריינע נשמה פאר איר באשעפער.

די גאסן פון די שטאט קראקא זענען געווען פול פון מענטשן וואס האבן געשטראמט צו די לוויה פון 'רעכל די בעלת חסד', עס איז זיך איר געקומען אזא גרויסן כבוד אין זכות פון אירע גוטע מעשים, אבער מ'קען נישט אפלייקענען אז אסאך פון די באגלייטער זענען געקומען אלץ זייער נייגעריגקייט צו זעהן וויאזוי עס גייט זיך אויסלאזן.

די שמועות האבן געזאגט אז אין לויף פון די יארן האט רעכל און איר פאמיליע נישט ווייניג מאל געבעהטן פון די 'חברא קדישא' אז זיי זאלן צושטימען צו די געבעהט פון זייער מאמע און איר צוזאגן די פלאץ וואס זי וויל אזוי שטארק, אבער זיי האבן געפאדערט אויף דעם א ריזן סומע און זיי האבן נישט געוואלט נאכלאזן.

אויך יעצט האבן זיך די 'חברא קדישא' געהאלטן פעסט אין זייער באשלוס צו פירן די לוויה ווי געווענליך, צו דעם נייעם בית החיים, און איר פאמיליע האבן שוין צוגעשטימט מיט דעם וואס זייער מאמע'ס וואונטש וועט נישט פארווירקליכט ווערן, און ווער ווייסט דען די חשבונות פון הימל...

די הספדים האט זיך אנגעהויבן מיטן הספד פונעם רב פון שטאט וואס האט דערמאנט די גרויסע מעשים פון די נפטרת, אבער בעפאר ער האט אנגעיאגט צו זאגן עטליכע זאצן, איז פלוצלינג פארדעקט געווארן די הימל מיט וואלקענעס, א שטארקע ווינט האט אנגעהויבן צו בלאזן און נאך עטליכע מינוט האט אנגעהויבן אראפ צו גיין א שטארקער רעגן און א איבערראשנדע.

די אלע באגלייטער האבן זיך צושפרייט אונטער די דערנעבנדיגע הייזער צו טרעפן א שוץ פון דעם שטארקן רעגן, און די מיטה האט מען אריינגעטראגן אין דעם דערנעבנדיגן שוהל, האפנדיג אז ביז עטליכע מינוט וועט זיך בארוהיגן די פלוצלינגדיגע שטורעם און די לוויה וועט ווייטער אפגעראכטן ווערן.

א לאנגע צייט איז אריבער ביז דער שטורעם האט זיך בארוהיגט. די זון וואס האט ארויס געקוקט פון צווישן די וואלקענעס האט דערציילט פאר די באגלייטער אז מ'קען שוין פארזעצן מיט די לוויה. די מספידים האבן מקצר געווען אין זייערע הספדים און ביז א קורצע צייט האט מען אנגעהויבן צו טראגן די מיטה אין די זומפיגע גאסן אויפן וועג צום נייעם בית החיים.

אבער ווען די באגלייטער האבן זיך דערנענטערט צו די ריכטונג פון דעם בית החיים, איז פאר זיי קלאר געווארן די גרויסקייט פון דעם רעגן. פון די שפיץ בארג האבן זיי געקענט זעהן די שפיצן פון די מצבות וואס האבן זיך ארויסגעשטעקט העכער די וואסער וואס האבן אינגאנצן פארפלייצט דעם נייעם בית החיים.

די לוויה האט זיך מיטאמאל אפגעשטעלט. די באגלייטער האבן אנגעצויגענהייט געווארט אויף די באשלוס פון די 'חברא קדישא' וואס נאכן זיך באראטן איינס צוויי האבן זיי געווינקען פאר די באגלייטער זיי זאלן טוישן זייער וועג. קיינער האט זיך נישט איינגערעדט אז אין דעם דאזיגן צושטאנד וועט מען קענען באערדיגן אין דעם נייעם בית החיים און זיי האבן נישט געהאט קיין אנדערע וועג נאר איר צו באערדיגן אין איינע פון די לעצטע פלעצער אין דעם אלטן בית החיים.

"די ערציילונג איז ביי מיר געווען ווי א 'חידוש'" - האט דער 'שפע חיים' געענדיגט זיין ערציילונג, "וויאזוי יעדער איד קען פויעלן ביים באשעפער וואס עס גלוסט זיך אים אין הארץ, אויך אזעלעכע זאכן וואס האבן נישט קיין פארבינדונג מיט עבודת ה'. ווייל דער אויבישטער איז א 'שומע תפילת כל פה', פשוטו כמשמעו, אויב מ'בעהט נישט חלילה קיין דברים אסורים.

דעריבער, ווען דער טאטע און די מאמע דאווענען און בעהטן פון השי"ת ביים צינדן די שבת ליכט, ביים דאווענען שמונה-עשרה און אין יעדע צייט, אז ער זאל זיי העלפן ערציהען קינדער תלמידי חכמים וואס זענען עוסק אין תורה, וועלן זיי זיכער זוכה זיין צו א הילף פון הימל און דער אויבישטער וועט ממלא זיין משאלות ליבם לטובה".

'שפע חיים' - דרשות חומש רש"י, פר' ויצא

עיצובים shay